


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת בהר-בחוקותי תשפ"ו

גליון 466

## אמרות שמשון

### מתן תורה און שמיטה היטן אפ כלל ישראל פון גלות

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר** (כה, א). די מפרשים אויפן ארט (עיין רש"י ד"ה בהר סיני ועוד) שטעלן זיך פארוואס דוקא ביי די פרשה פון שמיטה שטייט ארויסגעשריבן אין פסוק 'בהר סיני', אלע מצות זענען דאך געגעבן געווארן ביים בארג סיני.

**מען** קען ענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (רש"י ויקרא כו, לה וע"ע בשבת לג.) אויב כלל ישראל וואלט אפגעהיטן שמיטה וואלטן זיי נישט פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל, און די זיבעציג יאר גלות איז געקומען וויבאלד זיי האבן נישט אפגעהיטן זיבעציג שמיטות אין ארץ ישראל.

**אזוי** אויך שטייט אין חז"ל (שמות רבה מא, ז), ווען כלל ישראל איז געשטאנען ביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה, זענען זיי באפרייט געווארן פון יעדע סארט שעבוד און גלות.

**דעריבער** שטייט 'בהר סיני' ביי די פרשה פון 'שמיטה', וויבאלד ביידע - מתן תורה און שמיטה - היטן אפ כלל ישראל פון גיין אין גלות און ווערן אונטערטעניגט אונטער די אומות העולם. (פרשת בהר אות א' ד"ה ועוד יש)

### ליב האבן מצות און פיינט האבן עבירות

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם** (כו, ג). דער יסוד איז, אז עס איז נישט גענוג אז מען איז מקיים מצות און מען טוט נישט קיין עבירות. נאר עס פאדערט זיך אז מען זאל ליב האבן צו טון מצות, און פיינט האבן צו טון עבירות.

**ווייל** כדי צו קענען מקיים זיין א מצוה בשלימות מיט די גאנצע זריזות, קען עס נאר זיין אויב מען האט א ליבשאפט צו די מצוה, און מען איז עס מקיים מיט א חשק און געשמאק. און ווען עס קומט צו עבירות, אויב וועט מען נישט האבן קיין שנאה צו עבירות, וועט זיך קענען מאכן אז מען זאל חלילה נכשל ווערן מיט אן עבירה, אבער אויב האט מען א פיינטשאפט צו עבירות, וועט מען נישט אנקומען דערצו.

**דאס** קען מען מרמז אין פסוק, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, אויב וועט מען גיין שטענדיג אין די וועגן פון די תורה, און מען וועט שטענדיג טראכטן אז מען וויל נישט און מען האט פיינט צו טון אן עבירה. און די מחשבות וועלן שטענדיג זיין אין קאפ אפילו אויב מען האט נישט א עבירה פאר זיך.

**וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ**, און ווען עס וועט קומען צו מקיים זיין מצות, וועט מען עס טון מיט א חשק און געשמאק, מען וועטווארטן ווען מען קען שוין מקיים זיין א מצוה, [די לשון 'תשמרו' קען פארטייטשט ווערן מיט א לשון פון 'ווארטן', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית לז, יא) **וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר** (ועיי"ש ברש"י)].

**דעמאלטס** וועט מען זוכה זיין צו **וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם**, מען וועט קענען מקיים זיין די מצות התורה אזוי ווי עס דארף צו זיין, און מען וועט נישט נכשל ווערן מיט עבירות. (פרשת בחוקותי אות ג' ד"ה וי"ל ועיי"ש)

### קללות ווערן איבערגעדרייט צו ברכות

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם** (כו, ג). עס שטייט אין מדרש (ויקרא רבה לה, א) 'אמר ר' אבין, אם זכיתם הריני הופך לכם הקללות לברכות, אימתי כשתשמרו את תורתי, הדא הוא דכתיב, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ** וגו' **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם**'. אויב איז מען זוכה, און מען היט אפ די תורה, וועט דער אויבערשטער איבערדרייען די קללות צו ברכות.

**פרעגן** די מפרשים (יפה תואר על המדרש שם, ד"ה חשבתי), פארוואס דארף דער אויבערשטער איבערדרייען די קללות צו ברכות, די ברכות זענען דאך קלאר ארויסגעשריבן אין די תורה, און עס איז בלויז גענוג אז מען זאל מבטל זיין די קללות, און די ברכות וואס שטייט אין די תורה זאל מקוים ווערן.

**מען** קען ענטפערן, ביי די תוכחה שטייט (דברים לב, ל) **אֵיכָה יִרְדֹּף אֶחָד אֶלֶף**, איין גוי וועט ח"ו נאכלויפן טויזנט אידן. אבער ביי די ברכות שטייט נאר (כו, ח) **וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה**, פינף אידן וועלן קענען נאכיאגן הונדערט גוים. דעריבער פעלט אויס אז אויך די קללות זאלן ווערן איבערגעדרייט צו ברכות. אזוי ווי עס ווירקליך מקוים געווארן אין די צייטן פון דוד המלך, אז איין איד האט געקענט הרג'ענען טויזנט גוים (עיין מועד קטן טז: ובמהרש"א שם). (פרשת בחוקותי אות ב' ד"ה ואחר)

זרע שמשון

בשבתות הקיץ
לומדים בספר הנפלא
תולדות שמשון
על מסכת אבות
ספרו הראשון של רבינו



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation/
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

**לעילוי נשמת**

האשה הצדקנית
דורה בת אסתר
ע"ה
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

מזכה הרבים ועוסק
בצדקה וחסד לרוב
רבי ניסים בן שרה
ז"ל מוגרבי
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ה

עובד ה' ומזכה הרבים
רבי בנימין בן חביבה
יוספה שרה שרוגו
זצ"ל
נלב"ע י"ג טבת תשפ"ו

האשה החשובה
מרת גענענדל בת
פסח ע"ה
נלב"ע כ"ג אייר תשפ"ג

האשה החשובה
מרת לאה
ב"ר יצחק ע"ה
נלב"ע כ"ו אייר תשס"ד

ת.נ.צ.ב.ה.

**ברכות וישועות**

אביגדור בן מלכה
וזוגתו שרה חנה
בת בלהה אמא
שיזכו להיפקד בזרע של קיימא בקרוב ממש

ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בעסקיו בלי גבול ומדה ויסורו כל המחסומים והעיכובים ויזכה לפרוץ ימה וקדמה צפונה ונגבה בלי גבול ובלי מדה עושר גדול מתוך נחת

מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר ובשורות טובות בקרוב שמזלו יאיר לו ויפתחו בפניו כל השערים ויסורו המפריעים והמקטרגים

שרה שרון בת סופיה • יוכבד ג'ובנה בת מירב תמר • חיימה בן סופיה • אוראל משה בן לימור • שלום בן לילי
שיזכו לזיווג הגון מתוך אושר נחת ושמחה בקרוב ממש

בית המדרש
זרע שמשון
רחוב הצבי 10 ירושלים
זמני התפילות והשיעורים
בבית המדרש זרע שמשון
בימי הקיץ הבעל"ט:
מנחה 10 דקות
לפני השקיעה
ערבית בשעה 8:30
שיעורי זרע שמשון:
כל יום בשעה 8:00 בערב
ביום חמישי
מתקיימים שיעורים
במשך כל הערב.
שמעו ותחי נפשכם
והביאו ישועה לבתיכם

## פרק ה משנה ג

### עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וְעָמַד בְּכֻלָּם; לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם:

### אברהם אבינו וואלט זיך געקענט ארויסדרייען פון געוויסע נסיונות

מען דארף מען פארשטיין די לשון פונעם תנא **'ועמד בכולן'** - אברהם אבינו איז בייגעשטאנען אלע נסיונות. לכאורה ווער וואלט בכלל געקענט טראכטן אז אברהם אבינו איז נישט בייגעשטאנען אלע נסיונות, אז דער תנא זאל עס דארפן קלאר ארויסזאגן?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין די לשון **'להודיע כמה חיבתו'** - צו לאזן וויסן די ליבשאפט פון אברהם אבינו צום אויבערשטן. לכאורה וואלט ענדערש געדארפט שטיין 'להודיע את זכותו', די זכותים פון אברהם אבינו איז זייער גרויס פון אלע נסיונות וואס ער איז בייגעשטאנען.

מען קען ערקלערן אז עס איז געווען צוויי נסיונות וואס אברהם אבינו וואלט נישט געווען מחויב צו ביישטיין:

די ערשטע נסיון איז געווען ביי 'אור כשדים' וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען נישט צו בוקן צו די עבודה זרה, און איז געווען גרייט מען זאל אים אריינווארפן אין קאלעך אויוון.

און עס איז פארהאן א מחלוקת אויב די אבות איידער מתן תורה האבן געהאט א דין אזוי ווי 'בני נח' אדער אזוי ווי 'ישראל'. און אלס ספק אויב ער איז פארערכנט ווי א בן נח וואלט ער זיך נישט געמעגט מוסר נפש זיין, אזוי ווי דער אויבערשטער האט באפוילן פאר בני נח (בראשית ט, ה) 'ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש'.

אזוי אויך די לעצטע נסיון פון 'עקידת יצחק' וואס דער אויבערשטער האט אים באפוילן אז זאל גיין שחט'ן יצחק, וואלט אברהם אבינו זיך געקענט ארויסדרייען און זאגן, אז דער אויבערשטער האט אים צוגעזאגט (בראשית כא, יב) 'כי ביצחק יקרא לך זרע', און יעצט זאגט אים דער אויבערשטער (שם כב, ב) 'והעלהו שם לעלה'.

אבער טראץ די אלע תירוצים, האט זיך אברהם אבינו נישט ארויסגעדרייט, זעענדיג ווי די גאנצע דור דינט עבודה זרה, איז ער געווען גרייט זיך מען זאל אים אריינווארפן אין קאלעך אויוון און זיך מוסר נפש זיין צוליב זיין גרויס ליבשאפט וואס ער האט געהאט צום אויבערשטן.

און די זעלבע זאך איז געווען ביי די לעצטע נסיון פון עקידת יצחק, האט אברהם אבינו נישט געפרעגט קיין שאלות, נאר מיט גרויס ליבשאפט צום באשעפער איז ער געווען גרייט צו שחט'ן זיין איינציג קינד אויפן מזבח.

דעריבער איז דער תנא מדייק אין זיין לשון **'ועמד בכולן'**, אז אברהם אבינו איז בייגעשטאנען אלע נסיונות וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, אפילו אזעלכע נסיונות וואס ער וואלט זיך געקענט ארויסדרייען דערפון. און דערפאר פירט אויס דער תנא **'להודיע כמה חיבתו'**, אז ער האט זיך מוסר נפש געווען אן קיין חשבונות, צוליב די גרויסע ליבשאפט וואס ער האט געהאט צום אויבערשטן.

## פרק ה משנה יג

### אַרְבַּע מִדּוֹת בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה וכו'

### גרויסקייט פון צדקה אזוי ווי תורה

לכאורה דארף מען פארשטיין, די פריערדיגע משנה 'ארבע מידות בתלמידים', רעדט מען פון לערנען תורה, און אזוי אויך די שפעטער'דיגע משניות 'ארבע מידות בהולכי לבית המדרש', און 'ארבע מידות ביושבי לפני חכמים'. אויב אזוי פארוואס ברענגט דער תנא אריין דא די משנה פון 'ארבע מדות בנותני צדקה' וואס רעדט זיך פון צדקה, וואס איז אינגאנצן א אנדערע ענין?

מען קען ענטפערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'ברית אברהם' (על תהילים, רמז תתע"א) אויפן פסוק (תהלים קיב, ט) **'פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד'**, אז די מצות צדקה בלייבט שטענדיג ביי דער מענטש, און אפילו אויב ער איז ח"ו עובר עבירות, קען עס נישט מבטל זיין די מצוה וואס ער האט געטון.

טראץ וואס עס שטייט אין חז"ל (סוטה כא.) 'עבירה מכבה מצוה', אויב עמיצער איז עובר אן עבירה טוט עס מבטל זיין א מצוה וואס ער האט געטון. אבער מצות צדקה - וואס איז זייער א גרויסע מצוה - איז אנדערש, און עס ווערט נישט בטל צוליב עבירות. און עס פונקט אזוי ווי 'תורה' וואס די גמרא זאגט דארט, 'אין עבירה מכבה תורה' א עבירה קען נישט מבטל זיין די תורה פון א מענטש.

לויט דעם קען מען ערקלערן, אז דאס איז דער תנא מרמז מיט דעם וואס ער לייגט אריין די משנה פון מצות צדקה אינמיטן די משניות פון לערנען תורה, צו מרמז זיין דער גרויסער חידוש, אז מצות צדקה איז זייער גרויס, און איז אזוי ווי לימוד התורה, אז א עבירה קען נישט מבטל זיין מצות צדקה, פונקט אזוי ווי א עבירה קען נישט מבטל זיין לימוד התורה.

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: ארץ ישראל הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
אמעריקע הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו